**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/29/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל באזוכט CORNING מעדיצינישע גלאז פאקען איינריכטונג**

***לויבט אויס דזשאב וואוקס פון די ביג פלעטס איינריכטונג פארברייטערונג, איבערשטייגנדיג די ערווארטונגען***

***לויבט אויס פאבריצירונג איינריכטונג'ס ראלע אינעם שטיצן Corning'ס ברייטערע קאוויד-19 וואקסין אונטערנעמונגען, צושטעלנדיג די פלעשלעך פאר איבער 3 ביליאן דאזעס***

***NYS אינוועסטירונג אין די איינריכטונג איז אויסגעצאלט דורך די "Southern Tier Soaring"— די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנאר האוקאל האט היינט באזוכט די Corning פארגעשריטענע טעכנאלאגיע שטיצע צענטער אין ביג פלעטס און Corning'ס פארשונג און אנטוויקלונג איינריכטונג ביי סאָליוואן פארק. די פירמע איז א הויפט פראדוצירער פון מעדיצינישע גלאז פלעשער וועלכע איז געווען קריטיש וויכטיג ביים באנוץ פון די קאוויד-19 וואקסין. די פירמע האט אין פאקט ערמעגליכט די דעליווערי פון איבער 3 ביליאן וואקסין דאזעס א דאנק אירע פארגעשריטענע פלעשלעך און מעדיצינישע גלאזערנע רערן קאנטראקטן. Corning איז איינס פון די וועלט'ס הויפט אנטוויקלונג פירמעס אין די וויסנשאפט פון מאטעריאלן, האבנדיג א 170-יאריגע היסטאריע פון לעבנס-טוישנדע ערפינדונגען. די פירמע שטעלט צוזאם איר אייניגארטיגע מומחיות אין די וויסנשאפט פון גלאז, פון קעראמיקס און די וויסנשאפט פון ליכט מיט די אירע אייגענע פאבריצירונג און ענדזשינירונג מעגליכקייטן צו אנטוויקלען נייע פראדוקטן וועלכע עפענען אויף נייע קאטעגאריעס און טראנספארמירן אינדוסטריעס, העלפנדיג שטופן די וועלט אויף פאראויס.

"Corning שפילט א וויכטיגע ראלע אינעם צושטעלן א כסדר'דיגע, קביעות'דיגע סופליי פון לעבנס-ראטעווענדע וואקסינען, און די פירמע'ס ארבעט העלפט ווידער אויפלעבן די עקאנאמיע פון די דרום טייל פון די סטעיט", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "דורך איר פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און פראדוקציע פון מעדיצין פלעשלעך, טוט Corning העלפן זיכער מאכן די זיכערע און גלאטע דיסטריביושען פון וואקסינען איבער די גאנצע לאנד. א דאנק ניו יארק'ס אינוועסטירונג אין Corning'ס מעדיצינישע פאקונג איינריכטונג פארברייטערונג, העלפן מיר געווינען די קאמף קעגן קאוויד, און אין די זעלבע צייט איבערשטייגן די פאראויסגעזאגטע וואוקס אין דזשאבס וועלכע זענען קריטיש צו קענען צוריק אויפלעבן אונזער עקאנאמיע."

**ווענדעל פ. וויקס, Corning'ס טשערמאן און CEO, האט געזאגט**, "מיר זענען שטאלץ צו טוהן אונזער חלק אין די קאמף קעגן די פאנדעמיע, און Corning טוט פארזעצן צו שטיין גרייט צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע קליענטן און אונזערע קאמיוניטיס צו העלפן זיך גרייטן פאר צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט עמערדזשענסיס. מיר זענען דאנקבאר פאר די שטיצע פון פירער ווי גאווערנאר האוקאל, וועלכע איז געווען א שטארקע שתדלנית פאר אנגייענדע עקאנאמישע אינוועסטירונג אין די דרום טייל פון די סטעיט."

Corning איז פון די פירמעס וואס שטעלן צו די מערסטע דזשאבס אין ניו יארק, מיט 7,000 ארבייטער איבער די סטעיט און איבער 6,000 אין די דרום טייל אליין. אין 2017 האט ניו יארק סטעיט אנאנסירט אז עס שטיצט די וואוקס פון די פירמע'ס מעדיצינישע אפעראציעס אין די דרום טייל. Corning האט זיך אונטערגענומען צו שאפן ביז אזויפיל ווי 185 נייע דזשאבס אלץ רעזולטאט פון די וואוקס. ביז די היינטיגע טאג האבן זיי למעשה איבערגעשטיגן די אונטערנעמונג, שאפנדיג מער פון 200 נייע דזשאבס אין איר מעדיצינישע טעכנאלאגיע ביזנעס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) אפפערט ביז אזויפיל ווי 6 מיליאן דאלאר דורך די 'דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג' ( Southern Tier Soaring) אָפסטעיט ווידער אויפלעבונג אונטערנעמונג פארן די איינהאנדלונג פון עקוויפמענט און פאר אינפראסטראקטור פארבעסערונגען אויפן ארט. Corning וועט אויך באקומען ביז אזויפיל ווי 1.75 מיליאן דאלאר דורך די עקסעלסיאר טעקס קרעדיט פראגראם (Excelsior Tax Credit Program) אין אויסטויש פאר די פארפליכטונגען פון די פירמע צו שאפן דזשאבס. די סך הכל קאסט פון די פראיעקט איז 95.5 מיליאן דאלאר.

**סענאטאר טאם אָומאַראַ האט געזאגט,** "עס איז א גאר א גרויסע מקור פון שטאלץ אז אמעריקע האט זיך געוואנדן צו די Corning פירמע'ס מומחיות, ערפינדונגען און פארגעשריטענע טעכנאלאגיע אין די קאמף קעגן קאוויד-19. 'וועלאר' (Valor) גלאז איז געווען א מערקווירדיגע עררייכונג און האט געהאלפן פארזיכערן א פראמינענטע פלאץ פאר די דרום טייל פון די סטעיט אויף די נאציאנאלע מאפע פון פארשונג, אנטוויקלונג און פארגעשריטענע פאבריצירונג. די מערקווירדיגע, פארגעשריטענע פראדוקציע פון די רעוואלוציאנאלע מעדיצינישע גלאז פלעשלעך האט געשאפן הונדערטע גוטע דזשאבס און פארשטערקערט די ראיאנישע עקאנאמיע, און אין די זעלבע צייט שפילנדיג א וויכטיגע ראלע אין אמעריקע'ס אפרוף צו די פאנדעמיע. ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונג אין די פראיעקט האט געברענגט געוואלדיגע בענעפיטן אויף א לאקאלע פארנעם, איבערן סטעיט און גאנצע לאנד. מיר זענען שטאלץ אז די Corning פירמע איז אזא גוטע פארטרעטער פון אונזער ראיאן, און עס טוט פארזעצן א שטאלץ טראדיציע פון אוועקשטעלן דרום טייל קאמיוניטיס און עקאנאמיעס."

**אסעמבלימאן פיל פאלמעסענאָ האט געזאגט,** "די Corning פירמע'ס פראדוקציע פון וועלאר גלאז – וועלכע שפילט יעצט א צענטראלע ראלע אין די לאנד'ס קאמף קעגן קאוויד-19 – האט געשיינט א ליכט אויף די דרום טייל פון די סטעיט ווי קיינמאל בעפאר, אלץ א נאציאנאלע פירער אין פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און הויי-טעק פאבריצירונג. מיר בלייבן דאנקבאר פאר די Corning פירמע פאר איר אנגייענדע טעכנאלאגישע פארשריט און אינוועסטירונג אט דא אין די דרום טייל פון די סטעיט. די פראדוקציע ליניע אליין האט געשאפן הונדערטע קוואליטעט דזשאבס, געהאלפן אנצינדען ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס, און עס האט פארבעסערט די לעבנס פון צאללאזע פאמיליעס און גאנצע קאמיוניטיס. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנאר האוקאל צו מאכן א פריאריטעט צו שטיצן פאבריצירונג דורך די קריטישע סטעיט אינוועסטירונגען אין לאקאלע ארבעטסגעבער."

**אסעמבלימאן קריסטאפער ס. פרענד האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי שטאלץ פון די שעפערישקייט פון די ארבעטס קראפט דא אין די דרום טייל פון די סטעיט. איך טוה אפלאדירן יעדע ארבעטער ביי Corning פאר זייער ראלע אינעם באקעמפן די פאנדעמיע מיט זייער פראדוקציע פון וועלאר גלאז פלעשלעך צו האלטן די קאוויד-19 וואקסינען. אונזער לאקאלע פאבריצירונג און פארשונג זענען קריטישע חלקים פון די לייזונגען צו די פילע שוועריגקייטן מיט וועלכע מיר פארמעסטן זיך אין די מאדערנע טעג, און איך קוק ארויס צו זעהן ווייטערדיגע אויסגעצייכנטקייט פון אונזערע דרום טייל אינדוסטריעס."

פאר נאך אינפארמאציע איבער די Corning פירמע, באזוכט:
https://www.corning.com/worldwide/en.html

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די הייניטיגע אנאנס איז א חלק פון 'Southern Tier Soaring' (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע בלופּרינט וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצעטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן טעכנאלאגישע פארשריט. יעצט טוט די ראיאן פארשנעלערן 'Southern Tier Soaring' מיט א 500 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך די אָפּסטעיט ווידער-אויפלעבונג אונטערנעמונג. די סטעיט'ס 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער וועלכע וועלן אינוועסטירן היבש מער פון 2.5 ביליאן דאלאר – און די ראיאן'ס פלאן, לויט וויאזוי עס איז אריינגעגעבן געווארן, זאגט פאר 10,200 נייע דזשאבס. מער אינפארמאציע קען מען זעהן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov